בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת ויגש תשפ"ב | גליון 627 [שנה י"ג]


**פארוואס האט יוסף זיך פונקט יעצט נישט געקענט איינהאלטן?**

וְלֹא יָכֹל יוֹסֵף לְהִתְאַפֵּק לְכֹל הַנִּצָּבִים עָלָיו וַיִּקְרָא הוֹצִיאוּ כָל אִישׁ מֵעָלָי: (מה א) לכאורה איז א פלא פארוואס פונקט יעצט האט יוסף זיך שוין נישט געקענט איינהאלטן, ווען ביז יעצט האט ער גערעדט מיט זיי קשות, און ער איז נישט געווארן געבראכן פון זיי? נאר עס שטייט אין גמ' (מגילה דף יז ע"א און רש"י לד לז), אז יעקב איז אוועק פון זיין טאטן'ס שטוב כ"ב שנה און מדה כנגד מדה איז יוסף אוועק פון יעקב'ס שטוב אויך כ"ב שנה, יעצט דער עונש האט געדארפט זיין אויס גערעכנט פונקלאך כ"ב שנה מדוייק, דעריבער האט יוסף געהאלטן חשבון, אז יעצט ביז די ברידער וועלן אנקומען צו יעקב, און זאגן די גוטע בשורה אז יוסף לעבט, וועט זיין פונקט דער חשבון פון כ"ב שנה, דעריבער אוי לנו מיום הדין אוי לנו מיום התוכחה וְלֹא יָכֹל יוֹסֵף לְהִתְאַפֵּק. (ישרש יעקב, הרה"ק ר' יהודה מנוזארדן חתן הרה"ק מווארקא) מיט דעם קען מען ענטפערן די וועלט'ס קשיא פארוואס האט יוסף נישט מודיע געווען יעקב די גאנצע צייט אז ער לעבט? נאר ווייל דער צער פון יעקב איז געווען מדה כנגד מדה פונקט כ"ב שנה, דעריבער האט יוסף נישט געמעגט מודיע זיין יעקב פאר די כ"ב שנה. (שמח זבולון תשפ"ב)

**פארוואס פרעגט יוסף עוד אבי חי ווען זיי האבן געזאגט אז ער לעבט?**

וַיֹּאמֶר יוֹסֵף אֶל אֶחָיו אֲנִי יוֹסֵף הַעוֹד אָבִי חָי וְלֹא יָכְלוּ אֶחָיו לַעֲנוֹת אֹתוֹ כִּי נִבְהֲלוּ מִפָּנָיו: וגו' וַיֹּאמֶר אֲנִי יוֹסֵף אֲחִיכֶם אֲשֶׁר מְכַרְתֶּם אֹתִי מִצְרָיְמָה: (מה ג-ד) עס איז דא דער באוואוסטע מדרש אויף דעם פסוק אוי לנו מיום הדין אוי לנו מיום התוכחה, אויב די ברידער פון יוסף האבן נישט געהאט וואס צו ענטפערן יוסף אויף זיין מוסר רייד, וואס וועלן מיר ענטפערן ביום הדין, לכאורה איז דא צוויי שווערע דיוקים אין פסוק, ערשטנס (פרעגט דער הייליגער אלשיך און אויך דער אגרא דכלה), פארוואס האט יוסף געדארפט נאכאמאל פרעגן הַעוֹד אָבִי חָי, בשעת זיי האבן אים שוין געזאגט אז זיין טאטע לעבט? צווייטנס פארוואס זענען די ברידער געווארן פארשעמט מיט דעם וואס יוסף האט זיי געפרעגט הַעוֹד אָבִי חָי? נאר דער טענה איז געווען זייער שטארק, ווייל ווען יהודה האט געזאגט וְהָיָה כִּרְאוֹתוֹ כִּי אֵין הַנַּעַר וָמֵת אויב יוסף וועט נישט לאזן בנימין גיין וועט יעקב שטארבן פון גרויס צער, האט זיי יוסף יעצט געפרעגט: און איר האט נישט חושש געווען אז דער טאטע וועט שטארבן פון צער אז איר האט מיר פארקויפט! נאר איר זעהט אז דער טאטע האט געלעבט מיטן צער, ממילא וועט ער אויך קענען לעבן מיטן צער פון בנימין, דעריבער איז גוט אז דער הַעוֹד אָבִי חָי, איז געווען מוסר רייד און נישט א שאלה צו יעקב לעבט, ווייל דאס האט ער שוין געהערט, נאר ער האט זיי געוואלט כאפן אויף זייער טענה, און אויך האט ער געזאגט מוסר אויך אויפן מכירה, אֲשֶׁר מְכַרְתֶּם אֹתִי מִצְרָיְמָה. (קרן לדוד גרינוואלד סאטמאר)

**פארוואס האט יעקב אליין געמוזט ארויס זאגן עוד יוסף חי?**

וַיָּבֹאוּ אֶרֶץ כְּנַעַן אֶל יַעֲקֹב אֲבִיהֶם: וַיַּגִּדוּ לוֹ לֵאמֹר עוֹד יוֹסֵף חַי וגו' וַיָּפָג לִבּוֹ כִּי לֹא הֶאֱמִין לָהֶם: וַיְדַבְּרוּ אֵלָיו אֵת כָּל דִּבְרֵי יוֹסֵף אֲשֶׁר דִּבֶּר אֲלֵהֶם וַיַּרְא אֶת הָעֲגָלוֹת אֲשֶׁר שָׁלַח יוֹסֵף לָשֵׂאת אֹתוֹ וַתְּחִי רוּחַ יַעֲקֹב אֲבִיהֶם: וַיֹּאמֶר יִשְׂרָאֵל רַב עוֹד יוֹסֵף בְּנִי חָי אֵלְכָה וְאֶרְאֶנּוּ בְּטֶרֶם אָמוּת: (מה כה-כז) עס איז א פלא, עס שטייט: וַיַּגִּדוּ לוֹ לֵאמֹר "עוֹד יוֹסֵף חַי" און שפעטער נאך אלעס שטייט וַתְּחִי רוּחַ יַעֲקֹב אֲבִיהֶם: וַיֹּאמֶר יִשְׂרָאֵל רַב עוֹד יוֹסֵף בְּנִי חָי, פארוואס דארף דאס יעקב נאך אמאל זאגן, בשעת ער האט געהערט פון זיי אז עוֹד יוֹסֵף חַי? נאר דאס צו פארשטיין, ווייל באמת איז שווער א דיוק דאס וואס שטייט וַיַּגִּדוּ לוֹ "לֵאמֹר" עוֹד יוֹסֵף חַי, וואס מיינט "לֵאמֹר", עס וואלט נאר געדארפט שטיין וַיַּגִּדוּ לוֹ עוֹד יוֹסֵף חַי? נאר "לֵאמֹר" מיינט זיי האבן געוואלט אז יעקב זאל זאגן ברוח הקודש אז עוֹד יוֹסֵף חַי, נאר עס שטייט אז דער אויבערשטער האט צוגענומען פון יעקב די רוח הקודש אז ער זאל נישט זעהן די מכירה און וואו יוסף געפינט זיך, און עס שטייט אין גמ' (שבת דף ל ע"ב) אז ווען א מענטש איז בעצבות האט ער נישט קיין רוח הקודש, און כדי צו באקומען רוח הקודש דארף דער נביא זיך צוגרייטן און מאכן א הכנה, דעריבער ווען זיי האבן געזאגט אז יעקב זאל זאגן עוֹד יוֹסֵף חַי, האט ער נאך נישט געהאט א הכנה צו קענען זאגן נבואה, אבער צוביסלאך ווייז ווען זיי האבן גערעדט צו יעקב וַיְדַבְּרוּ אֵלָיו אֵת כָּל דִּבְרֵי יוֹסֵף, און וַיַּרְא אֶת הָעֲגָלוֹת, האט זיך יעקב אנגעגרייט צו נבואה און וַתְּחִי רוּחַ יַעֲקֹב אֲבִיהֶם: און איז שוין געווארן בשמחה, ממילא שטייט טאקע, וַיֹּאמֶר יִשְׂרָאֵל" רַב עוֹד יוֹסֵף בְּנִי חָי, ער האט שוין אליין געזאגט ברוח הקודש עוֹד יוֹסֵף בְּנִי חָי. אז ער זעהט שוין אליין אז יוסף לעבט און מען דארף אים גיין זען. (תפארת שלמה מראדאמסק)

**וואס מיינט "את כל דברי יוסף"?**

וַיְדַבְּרוּ אֵלָיו אֵת כָּל דִּבְרֵי יוֹסֵף אֲשֶׁר דִּבֶּר אֲלֵהֶם וַיַּרְא אֶת הָעֲגָלוֹת אֲשֶׁר שָׁלַח יוֹסֵף לָשֵׂאת אֹתוֹ וַתְּחִי רוּחַ יַעֲקֹב אֲבִיהֶם: (מה כה-כז) יעקב איז געווארן אויף געלעבט אין הערן די רייד פון יוסף און אויך פון די עגלות וואס ער האט געזען, דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט אֵת "כָּל" דִּבְרֵי יוֹסֵף און נישט אֵת דִּבְרֵי יוֹסֵף? אויך איז שווער וואס איז געווען גוט דעם זען די עגלות, [ווייל לויט די באוואוסטע פשט אז יוסף האט געוואלט מרמז זיין אז זיי האבן זיך געזעגנטביים לערנען די פרשה פון עגלה ערופה, וואלט נישט געדארפט שטיין לָשֵׂאת אֹתוֹ נאר פשוט וַיַּרְא אֶת הָעֲגָלוֹת אֲשֶׁר שָׁלַח יוֹסֵף? המו"ל] נאר מיט דעם אז יעקב וואלט געהערט אז יוסף לעבט איז אים נישט געווען גענוג, ווייל אפשר איז ער אראפ פון זיין הויכע מדריגות! אבער מיט די צוויי סימנים איז ער געווארן בארוהיגט, איינס איז "כָּל דִּבְרֵי יוֹסֵף" וואס יוסף האט געזאגט נבואה כִּי עוֹד חָמֵשׁ שָׁנִים רָעָב, איז א סימן אז ער איז נאך אין א הויכע מדריגה, אבער יעקב איז נאך נישט געווען רוהיג, ווייל אפשר האט יוסף נבואה וואס טוט זיך אין מצרים, אבער ווער זאגט אז ער זעהט וואס טוט זיך אין ארץ כנען? אבער מיטן זען די עֲגָלוֹת אֲשֶׁר שָׁלַח יוֹסֵף "לָשֵׂאת אֹתוֹ", איז א ראיה אז ער זעהט וואס טוט זיך אין ארץ כנען און דעריבער שיקט ער די עגלות צו ברענגען יעקב און די גאנצע משפחה, איז דעריבער וַתְּחִי רוּחַ יַעֲקֹב אֲבִיהֶם. (קרן לדוד גרינוואלד סאטמאר)

**א רמז אויף נס חנוכה אין די הייליגע תורה**

וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן וַיִּמְשַׁח אֹתוֹ וַיְקַדֵּשׁ אֹתוֹ וְאֶת כָּל כֵּלָיו וְאֶת הַמִּזְבֵּחַ וְאֶת כָּל כֵּלָיו וַיִּמְשָׁחֵם וַיְקַדֵּשׁ אֹתָם: (במדבר ז א) דא איז געווען חנוכת המזבח און ביי חנוכה איז אויך געווען חנוכת המזבח, איז דא עטליכע רמזים אין די פסוקים אויף נס חנוכה, משה האט געזאגט (דברים לג יא) בָּרֵךְ ה' חֵילוֹ וּפֹעַל יָדָיו תִּרְצֶה, וואס דאס איז א בקשה אויף די כהנים, און בָּרֵךְ ה' חֵילוֹ וּפֹעַל יָדָיו איז בגימ' להדליק נר חנוכה, און די ס"ת פון וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים

אֶת הַמִּשְׁכָּן וַיִּמְשַׁח אֹתוֹ וַיְקַדֵּשׁ אֹתוֹ איז די אותיות מתתיהו חשמונים, און וַיְקַדֵּשׁ אֹתוֹ איז בגימט' בית חשמונאי, און וַיְקַדֵּשׁ אֹתָם איז בגימ' מתתיהו. א רמז אויף חנוכה אין די תורה. (ספר למודים בנסים ר' מנחם מענדל לאנדמאן תלמיד הרה"ק ר' אורי השרף מסטרעליסק)

## מדור העובדות

### *******דער קאזניצער מגיד שיקט זיין חסיד לערנען מדת הבטחון*******

ר' משה שלאסמאן איז געווען א חסיד פון הרה"ק ר' ישראל, דער קאזניצער מגיד, בעל עבודת ישראל, ער האט געהאט עטליכע טעכטער אויף צו מאכן שידוכים אבער ער האט נישט געהאט קיין געלט אויף נדן, און וויפיל ער האט געבעטן זיין רבין האט אים דער רבי כסדר געענטפערט אז ער זאל זיך מחזק זיין אין אמונה און בטחון און אזוי וועט דער אויבערשטער אים צושיקן אלעם וואס ער דארף, אבער ווען ר' משה זעט נישט קיין וועג ארויס איז ער געפארן צום מגיד און דער רבי הייסט אים פארן קיין קינצק און דארט וואוינט ר' נתנאל, א באוואוסטער מכניס אורח וואס פון אים וועסטו לערנען בטחון, ר' משה פארט אהין און מען ווייזט אים דעם באוואוסטן קרעטשמע, ר' משה קלאפט אויפן טיר און ר' נתנאל נעמט אים אויף מיט גרויס כבוד, און זאגט קענסט זיין ביי מיר ווי לאנג דו דארפסט, ר' משה זעהט טאקע א זעלטענע הכנסת אורחים, וואס שטעלט צו אלעם מיט א ברייטקייט און ווארעמקייט.

ר' משה בלייבט דארט און באטראכט ר' נתנאל, און פארשטייט נישט ווי קען ער לערנען בטחון פון א איד וואס איז א עושר וואס ביי אים איז נישט קיין חידוש אז ער קען העלפן אידן! איין טאג נעמט ר' משה די שטאלץ און דערציילט פאר ר' נתנאל דעם אמת, אז דער קאזניצער מגיד האט אים דא געשיקט זיך צו לערנען אמת'ע בטחון, אבער איך זעה דאס נישט! ווייל דו ביזט א גרויסער עושר, איז נישט קיין וואונדער אז דו ביזט רוהיג און האסט בטחון!

האט ר' נתנאל געענטפערט אז ער איז אויך א חסיד פון מגיד און איך וועל דיר דערציילן מיין סוד, און ער זאגט צו ר' משה ער זאל קומען מיט אים אין זיין אוצר, וואס נאר ער האט א שליסל. ר' משה קומט אריין אין צימער און זעט נישט קיין אוצר נאר א טיש און א בענקל? ר' נתנאל זאגט אים, אז ער באמת פארמאגט נישט קיין געלט אדער אוצרות נאר די טיש און בענקל מיט זיין בוך פון צדקה, און ווען ער דארף געלט גייט ער אריין און עפענט זיין מויל און הארץ און רעדט צום אויבערשטן וואס ער דארף און דער אויבערשטער שיקט אים וויפיל ער דארף!

און ר' נתנאל זאגט אז דו וועסט באלד זען ווי דער אויבערשטער שיקט זיין געלט! און זיי גייען ארויס פון צימער און דעמאלטס איז אנגעקומען א שליח פון פריץ און זאגט אז מען דארף שוין צוויי טויזנט גאלדענער רענדלאך פאר שכירות און ר' נתנאל ענטפערט פארן שליח אז ער זאל ווארטן אין זאל און ער וועט באלד ברענגען די געלט, ר' נתנאל זאגט פאר ר' משה זאלסט וויסן אז איך האב נישט וואס צו געבן פארן פריץ, אבער איך האב בטחון אז דער אויבערשטער וועט מיר באלד שיקן די געלט. ר' נתנאל גייט אריין ביי אים אין אוצר און זעצט זיך ביים טיש און בעט דעם אויבערשטן מיט בכיות אז ער זאל אים שיקן די שכירות, און ער גייט ארויס פון צימער מיט א רוהיקייט און זיכערקייט, עס נעמט נישט לאנג און אין טיר קלאפט אן א גרויסער שר פון די ארמיי און זאגט פאר ר' נתנאל אז ער דארף יעצט גיין אין א שווערע מלחמה און לאזט איבער זיין אוצר ביי אים ווייל ער איז א איש נאמן און זאגט איך גיב דיר יעצט צוויי טויזנט גאלדענע רענדלאך אליין שכר פאר היטן מיין אוצר, און ווען איך קום צוריק פון די מלחמה וועסטו מיר צוריקגעבן מיין אוצר. די סאלדאטן ברענגען אריין די קעסטל פון געלט און ר' נתנאל שרייבט א שטר פארן שר.

ר' נתנאל גיט איבער די חוב פארן שליח פון פריץ, און ר' משה גייט ארויס פון התפעלות און האט געזען דער כח פון בטחון וואס זיין הייליגער רבי האט געזען! ר' נתנאל זאגט פאר ר' משה אז האסט געלערנט מדת הבטחון און אזוי זאלסטו טאן און וועסט אלעמאל האבן געלט, אבער ביים זיך געזעגענען זאגט ר' משה פאר ר' נתנאל אז ער האט נישט קיין געלט אויף אהיים צופארן! פרעגט אים ר' נתנאל האסט שוין אזוי שנעל פארגעסן די מדת הבטחון, איך האב דיר געוויזן וואס דו דארפסט טאן! ר' משה בייגט די קאפ מיט פארשטאנד און ר' נתנאל זאגט: גוט! יעצט גיב איך דיר צוויי הונדערט גאלדענע רענדלאך, אבער פון יעצט אן מוזט דו בעטן דעם אויבערשטן און האבן שטארקע בטחון און ער וועט דיר געבן!

ר' משה גייט אין זיין וועג, ווען אנקענען אים קומט א קארעטע פון א שר און אונטער אים זיצן א משפחה פון אידן וואס וויינען צו ר' משה ער זאל זיך מרחם זיין אויף זיי און אויסלייזן! ר' משה גייט צום שר און רעדט צו אים און פרעגט וויפיל דארף מען מען אויסלייז געלט? האט ער געענטפערט 200 רענדלאך, ר' משה האט געזאגט ער האט פונקט 200 רענדלאך און ער דארף עפעס געלט אויפן וועג, אבער דער שר זאגט שטרענג ער דארף 200 רענדלאך! ר' משה האט נישט קיין ברירה און גיט די געלט פארן שר און דער שר באפרייט די משפחה.

ר' משה האט יעצט נישט גיין גראשן, אבער ער איז בשמחה מיטן הייליגע מצוה פון פדיון שבויים און ער דערמאנט זיך פון ר' נתנאל, און ער זעצט זיך אראפ און ער רעדט צום אויבערשטן ער זאל אים העלפן, עס איז געווארן נאכט און ר' משה איז אריין אין א קרעטשמע און זעצט זיך ביי א טיש און רעדט ווייטער צום אויבערשטן ווען א שר זעצט זיך אקעגן אים און זאגט אים, איך האב געהערט אז דו פארסט קיין קאזניץ און איך שטאם פון יענעם געגנט און איך האט א ברודער וואס וואוינט נאנט צו קאזניץ, און ער זאגט ווי ער הייסט און וואו ער וואוינט, און איך דארף אים וויכטיג שיקן 50 טויזנט רענדלאך, און איך האב געהערט אז דו ביזט א ערליכער מענטש, דעריבער וועל איך דיר דינגען קארעטע און שיינע פערד פאר אהין און זאלסט גלייך איבערגעבן די געלט פאר מיין ברודער, און איך גיב דיר אויך 200 רענדלאך פאר דיין שכר טירחא.

ר' משה האט שוין צוריק באקומען זיין 200 רענדלאך, און ער נעמט דעם אוצר און פארט גלייך צום אדרעס וואס דער שר האט אים געגעבן, אבער ווען ער האט געפרעגט וואו וואוינט דער און דער מענטש? האט קיינער נישט געהערט פון אזא מענטש! ר' משה האט נישט געוואוסט וואס צו טאן, און איז געפארן צום קאזניצער מגיד געבן שלום און פרעגן וואס צו טאן מיטן אוצר? דער הייליגער מגיד האט געזאגט אז דער שר איז געווען א מלאך וואס איז באשאפן געווארן פון די מצוה פון פדיון שבויים, און די אוצר איז דיינס, און ווען דו וועסט האבן בטחון וועסטו מצליח זיין מיט די געלט. ר' משה איז מיט די צייט געווארן א עושר און חתונה געמאכט זיינע טעכטער, און האט געלערנט מדת הבטחון וואס ברענגט א רוהיגקייט אויפן מענטש, זיע"א. (שיחות יקרים- נדפס סאטמאר - מר' אליעזר זאב שטערן ז"ל)


***הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לאלפי ספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- עם איז א שיינע מתנה***

א קול קורא געחתמ'ט הגאונים ר' אהרן קוטלר, ר' יעקב קמינצקי ר' רודערמאן ועוד $1200 צרור החיים דפו"ר שייך להגאון ר' יונתן שטייף עם הגהות $1200, ספר דברי שלום קוידינוב שייך להרב אברהם אביש ריינהאלד מריגליץ $800 ,סידור עבודה ומורא דרך סלאוויטא מצב מפואר אבל חסר שער ראשון $25000 סעט מחזורים אשכנז דפוס זיטאמיר מצט טוב ושלם $3800 תיקון ליל שבועות סלאוויטא תקפ"ז נדיר חסר דף האחרון $3800, 3 ספרים שייך לבעל מקדשי ה' וויטצן $900, תיקוני זוהר דפוס זיטאמיר $1500, קבלה עם ברכת וחתימת הגה"ק ר' יעקב ארי' מטריסק $400, ספר אוהל יצחק שייך להרה"ק ר' יוחנן מטאלנא $600, ספר וואס האט באלאנגט פארן אפסי ארץ פון נאנאש $2000, ספר וואס האט באלאנגט פארן ווישיווא רבין רב מנחם מענדל $1500, צוויי ספרים אויף ר' יצחק אלחנן געדרוקט דורך ר' יעקב ליפשיץ ווארשא תרנ"ז וואס האבן באלאנגט צו הגה"צ ר' אביגדור מיללער $800 מיט זיינע ציונים בכת"י, ספר שערי חיים וואס הרה"ק ר' דוד יהודה פריינד פון סאסרעגען האט געגעבן צום קראסנא רב א מתנה און ער האט געחתמ'ט $750, ספר קיצור ראשית חכמה עם הקדשה ארוכה מהגה"צ ר' יחזקאל שרגא מערץ, 6 ספרי ראזדין דפו"ר בית יעקב ויקרא, דברים, סוד ישרים ג' שנים, תפארת החנוכי $3000, ספר פרקי דרבי אליעזר עם שתי חתימות הרה"ק ר' חיים שלמה מקאסאן, בריוון פון מרחשת, ר' יצחק אלחנן מקאוונא, ר' שמעון שקאפ, און נאך גדולים.

4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500 Chanuka Store Hours are 11:30 -5:30 Fri till 1:30 To receive pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday WWW.SEFORIMWORLD.COM

מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און אויך אלטע געלט


מזל טוב לנגידי החתן המופלג ר' שלמה זילבערשטיין נ"י לרגל נשואיו יום ד' ד' טבת באולם אור החיים וויזניץ ברוקלין,